**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול מעלדט אז די FY 2024 באדזשעט אינוועסטמענטס וועט פארמערן דזשאבס און פארבעסערן ביזנעסער איבערן ניו יארק סטעיט

***פארברייטערט און פארגרעסערט טעקס קרעדיטס צו שטיצן ניו יארק'ס פילם, טעלעוויזיע, און פראדוצירנדע קונסט סעקטארן***

***טוט אוועקשטעלן טעכנאלאגישע אינאוואציע גראנט פראגראמען צו שטיצן פארשונג, אינאוואציע און אנטוויקלונג פון וויסנשאפט***

***טוט אויפפרישן די ניו יארק סיטי ביא-טעך טעקס קרעדיט צו בויען אויפן גאווערנער'ס התחייבות צו דאס וואקסענדע לעבנס וויסנשאפט סעקטאר***

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן איבער טראנספארמירנדע אינוועסטמענטס צו שטיצן ניו יארק'ס ביזנעס קאמיוניטי און אויפמוטיגן די סטעיט עקאנאמיע אלס חלק פון די היסטארישע FY 2024 באדזשעט. די באדזשעט הייבט די ניו יארק סטעיט פילם טעקס קרעדיט יערליכע אייבערלאג צו $700 מיליאן, טוט אוועקשטעלן די נייע טעכנאלאגיע אינאוואציע גראנט פראגראם, און טוט אויפפרישן די ניו יארק ביא-טעך טעקס קרעדיט, צווישן אנדערע באטראכטונגען, צו פארבעסערן ביזנעסער איבערן ניו יארק סטעיט און שאפן גוטע דזשאבס.

"די טראנספארמירנדע אינוועסטמענטס וואס געפינען זיך אין היינטיג'ס יאר באדזשעט וועט העלפן אונזער סטעיט ווייטער צוציען איניציאטיווע ביזנעסער, עפענען וועגן צו דזשאבס און צוקונפטיגע קאריערעס, און שטיצן בעסער פאמיליעס וואס ארבעטן צו הייבן די עקאנאמיע ארויפצו," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "די שליסל איניציאטיוון צו אויפמוטיגן שנעל-וואקסנדע סעקטארן, צו וואקסן און אנהאלטן דזשאבס אין פילם און די פראדוצירנדע קונסטן און בויען א 21'סטע יאר הונדערט ארבעטסקראפט וועט פארשנעלערן ניו יארק'ס פוסט-פאנדעמיק היילונג און פעסטשטעלן אונזער שטעלונג אלס די מערסט ארבעט'ס-פריינדליך און ביזנעס-פריינדליך סטעיט פון דעם פאלק."

<u>**פארגרעסערן די ניו יארק פילם טעקס קרעדיט**</u>

די FY 2024 באדזשעט ענטהאלט געזעצן צו פארברייטערן און פארשטארקן די ניו יארק פילם טעקס קרעדיט - איינס פון די מערסט סטאבילע פילם פראדוקציע איניציאטיווע פראגראמען פון דעם פאלק. אלס טייל פון דעם באדזשעט, וועט ניו יארק סטעיט הייבן די פילם טעקס קרעדיט'ס יערליכע דאך צו $700 מיליאן, געבט צו א באגרעניצטע קרעדיט פאר "איבער-די-ליין" געהאלטער צוזאמען מיט די עקזיסטירנדע קרעדיט פאר "אונטערן-ליין" געהאלטער, און קערט אום די קרעדיט צו 30 פראצענט פאר קוואליפיצירטע אויסגאבן. די ענדערונגען וועלן ווייטער פארגרעסערן דעם פראגראם'ס סטאביליטי, וועלן העלפן צוציען פראדוצירונגען, און אויפמונטערן ניו יארק'ס פילם אינדוסטריע, וועלכע איז איינס פון די גרעסטע יוניאן ארבעטער אין ניו יארק סטעיט.

פילם פראדוקציעס וועלכע באקומען ניו יארק'ס פילם טעקס קרעדיט פראדוצירן אויף אומגעפער מער ווי $9 אין עקאנאמישע אקטיוויטעט פאר יעדן $1 די סטעיט שענקט צו איניציאטארן. דער פראגראם שטיצט אויך איבער 57,000 דזשאבס, $1.2 ביליאן אין פריוואטע אינוועסטמענט און $12 ביליאן אין ווערדזשעס יעדן יאר. אין אלגעמיין, זייט 2014 האבן 1,502 פראיעקטן זיך אנגעגעבן צו אנטייל נעמען אין די איניציאטיווע פראגראם, שאפנדיג איבער 1.7 מיליאן דינגונגען און איבערא $35 ביליאן פון אויסגאבן איבער ניו יארק סטעיט.

**<u>טעכנאלאגיע אינאוואציע מעטשינג גרענטס פראגראם</u>**

צו היינט, האבן מער פון האלב פון די סטעיט'ס אינעם לאנד א מעטשינג גרענט פראגראם פאר אפליקאנטן וואס זוכן באצאלונג דורך די פעדעראל קליינע ביזנעס אינאוואציע פארשונג און קליינע ביזנעס טעכנאלאגיע טרענספער פראגראמען. ניו יארק טוט נישט - וואס דאס לייגט עס ביי א קאנקורירנדע חסרון צו ציען און צו ברענגען אינאוואציע אינוועסטמענטס.

די FY 2024 באדזשעט גיבט צו $6 מיליאן פאר א טעכנאלאגישע אינאוואציע מעטשינג גרענט פראגראם, וועלכע איז ערשט פארגעשטעלט געווארן דורך גאווערנער האקול אין איר סטעיט פון די סטעיט אדרעס, וואס וועט צושטעלן אפליקאציע שטיצע און טעכנישע הילף צו ניו יארק פירמעס וואס ווענדן זיך אן פאר די SBIR/STTR פראגראמען - באקאנט אלס "אמעריקע'ס סיד פאנד" - וואס מוטיגן קליינע ביזנעסער צו אנטייל נעמען אין פארשונג און אנטוויקלונג מיט די מעגליכקייט צו ווערן קאמערשאל. דער מעטשינג אינוועסטמענט וועט שטיצן די וואוקס פון קליינע ביזנעסער און די אנטוויקלונג פון נייע וויסנשאפטליכע פארשריט, דערווייל וואס עס וועט צושטעלן דזשאבס און האלטן ניו יארק אלס קאנקורירנד מיט אנדערע סטעיטס פאר די אינוועסטמענטס.

**<u>אויפפרישן ניו יארק סיטי ביא-טעך טעקס קרעדיט</u>**

ניו יארק סיטי פלעגט אמאל ערלויבן א טעקס קרעדיט פאר ביזנעסעס אין דעם ביא-טעכנאלאגיע אינדוסטריע, נאר עס איז אויסגעגאנגען אין 2019. די FY 2024 באדזשעט אוואנסירט לעגיסלאציע צו אויפפירשן א טעקס קרעדיט פאר אויפקומענדע ביא-טעכנאלאגישע פירמעס אין ניו יארק סיטי צו העלפן די סיטי און ניו יארק סטעיט ווייטער אנצופירן די געביטן פון ביא-טעכנאלאגיע און לעבס וויסנשאפטן. די לעגיסלאציע אויטאריזירט ניו יארק סיטי צו פארלייגן טעקס קרעדיט פאר נאך דריי יארן.

ניו יארק סיטטי האט א נאטורליכע אדוואנטאזש אין די ביא-סייענס אינדוסטריע, דאך איז עס אונטערשטעליג פון אנדערע שטעט אין דעם מסחר'ן אין נייע טעכנאלאגיעס. לעצטנס, האט גאווערנער האקול געמאלדן אויף אינוועסטמענטס אין [Schrödinger, Inc](#),[ Harlem Biospace](#), און [Deerfield ](#)[Discovery and Development's Lab of the Future](#) צו פארגרעסערן ניו יארק'ס סטעמפל אין די ביא-טעכנאלאגיע און לעבנס וויסנשאפט אינדוסטריעס. די טעקס קרעדיט וועט העלפן ניו יארק סיטי נאכקומען קריטישע צילן וואס ווערן געפאדערט צו אנטוויקלען און מסחר'ן אינאוואציאטיווע לעבנס-רעטונג נייע דורכברעכונגען אין די לעבנס וויסנשאפטן.

**<u>יונגווארג דזשאבס פארבינדער</u>**

די FY 2024 באדזשעט טוט פעסטשטעלן א יונגאורג דזשאבס פראגראם צוצושטעלן פעסטע עדיוקעישאנעל שטיצע און דזשאב טרעינירונג צו אומבאשעפטיגטע און אונטערבאשעפטיגטע יונגע מענטשן אין עלטערן פון 16 צו 24 און זיי צוגרייטן פאר די ארבעטס מארקעט. דער פראגראם, ווערט אנגעפירט דורך א מולטי-אגענטור שותפות אריינעמיג עמפייער סטעיט דעוועלעפמענט, די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לייבור, די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן, SUNY, CUNY און אנדערע גילטיגע אגענטורן, וועלן פארלייגן דזשאב גרייטקייט און פלאצירונג סערוויסעס, קאריערע

קאונסעלינג, פרי-לערנונג און לערנונג און אנדערע באדייטפולע געלעגנהייטן צו העלפן יונגע מענטשן געפינען ארבעט.

די יונגווארג דזשאבס פארבינדער פראגראם באצייכנט גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנהייט צו פארשטארקן ניו יארק'ס טאלענט רעזערוואר און צופאסטן ניו יארק ביזנעסער מיט געניטע ארבעטער זיי דארפן צו אנטיילנעמען אין א 21'סטע יאר הונדערט עקאנאמיע. אין דעם פארגאנגענעם יאר, אלס טייל פון די FY 2023 באדזשעט, האט גאווערנער האקול אוועקגעשטעלט א $350 מיליאן ארבעטס-קראפט אנטוויקלונג איניציאטיוו, וועלכע האט ענטהאלטן א שאפונג פון א איבערן-סטעיט אפיס פון סטראטעגישע ארבעטס-קראפט אנטוויקלונג, צו העלפן די סטעיט בעסער נאכצוקומען די געברויכן פון עמפלאיערס.

**<u>פארברייטערן די ניו יארק סיטי מוזיקאלישע און טעאטראלישע פראדוקציע קרעדיט</u>**

אין צוגאב צו דעם, פארגרעסערט די FY 2024 באדזשעט די ניו יארק סיטי מוזיקאלישע טעאטראלישע פראדוקציע קרעדיט פארצוזעצן די סטעיט'ס שטיצע פאר ניו יארק'ס פראדוצירנדע קונסטן סעקטאר, וועלכע איז אומ-פראפארציאנעל באווירקט געווארן דורך די פאנדעמיק. דער באדזשעט נעמט אריין א געזעץ וואס זאל מאכן אופ-בראדוועי פראדוקציעס בארעכטיגט פאר די קרעדיט, פארלענגערן די אפליקאציע דעד-ליין פון יוני 30, 2023, צו יוני 30, 2025, און הייבט די אלגעמיינע באגרעניצונג אויפן פראגראם צו $300 מיליאן.

**<u>אינוועסטירן אין לאקאלע עקאנאמיעס</u>**

אין צוגאב צו דעם, די FY 2024 באדזשעט נעמט אריין מער ווי $1 ביליאן צו אינוועסטירן אין לאקאלע עקאנאמיעס, אריינעמיג $225 מיליאן אין גרענט פאנדינג און טעקס קרעדיטס פאר די רעגיאנעלע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס, $100 מיליאן יעדער צו באצאלן נאך א יער פון די דאון-טאון רעוויטאליזאציע איניציאטיוו און NY פארווערטס, $50 מילעיאן פאר די RESTORE ניו יארק קאמיוניטיס איניציאטיוו, $400 מיליאן פאר די NYWORKS עקאנאמישע אנוויקלונג פאנד און כמעט $200 מיליאן פאר פראיעקטן וואס שטיצן קאמיוניטי געוואוקס און פארשטארקונג.

**<u>וואקסנדע ניו יארק'ס סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע</u>**

די FY 2024 באדזשעט שטיצט אויך די נייע גאווערער'ס אפיס פון סעמיקאנדוקטאר אויסברייטערונג, אנפירונג, און אינטעגראציע, ערשט דערקלערט געווארן אין די גאווערנער'ס סטעיט פון די סטעיט אדרעס, צו פירן דאס געוואוקס פון די סטעיט'ס סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע. דער באדזשעט מאכט $45 מיליאן אווילעבל צו GO-SEMI איבערצוקוקן די מייקראן היסטארישע $100 ביליאן אינוועסטמענט פאר א נייעם מעגאפאב אין צענטראל ניו יארק; אנטוויקלען און פאראויסשטופן פאליסיס צו ציען די סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע און זיין געצייג קייט; צוזאמברענגען ארבעטער אנטוויקלונג און קאמיוניטי אינוועסטמענטס צווישן לאקאלע, סטעיט, פעדעראלע, און פריוואטע שותפים; אנפירן באמיאונגען צו שאפן, ציען און אנהאלטן די פעאיגע ארבעטער נויטיג; און שטיצן צוזאמארבעט אנטוויקלונג קאנצענטרירט אויף קלוגע וואוקס פרינציפן. GO SEMI, אנגעפירט דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, וועט ווערן געשטיצט דורך אומ-צאליגע סטעיט אגענטורן און וועט ארבעטן אין צוזאמענהאנג מיט אונזער פעדעראלע און לאקאלע שותפים און איבערקוקן אינוועסטמענטס אין די סעמיקאנדוקטאר אינדוסטריע, און וועט פארעמען און שאפן א ברייטערע, נאציאנאלע ביישפיל צו פארגרעסערן אינדוסטריע און קאמיוניטי אומקערער פון אזעלכע פובליק/פריוואטע שותפות.

**<u>פארגרעסערן די COVID-19 קאפיטאל אויסגאבן טעקס קרעדיט פראגראם</u>**

די FY 2024 באדזשעט אוואנסירט לעגיסלאציע צו פארלענגערן די אפליקאציע דעד-ליין פאר די COVID-19 קאפיטאל אויסגאבן טעקס קרעדיט פראגראם פון מערץ 31, 2023, צו סעפטעמבער 30, 2023, צו ערלויבן קליינע ביזנעסער מער צייט זיך אנצוגעבן פאר דעם טעקס קרעדיט. דער פראגראם, וואס איז אריבער אין די FY 2023 באדזשעט, שטיצט קליינע ביזנעסער וואס האבן געמאכט

אינוועסטמענטס נאכצוקומען די עמערדזשענסי באפעלן און רעגולאציעס אדער צו פארשטארקן פובליק זיכערהייט אלס ענטפער צו COVID-19. איבער 1,300 ביזנעסער האבן דערהאלטן מער ווי $15.2 מיליאן אין געלטער זייט אנפאנג פונעם פראגראם אין 2022.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן